**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**געלט אין אייערע טאשן: גאווערנער HOCHUL (האקול) שרייבט אונטער פינעף נייע געזעצן צו באשוצן קאנסיומערס און זיי שפארן געלט**

***לעגיסלאציע S.932D/A.4667B פארגרינגערט אפצוהאקן העלט-קלאב קאנטראקטן***

***לעגיסלאציע S.4778/A.7167 פארבאט אומ-אויספעלענדע קאסטן פאר ליעס'ד קארן***

***לעגיסלאציע S.8182B/A.7939B פארלאנגט טעלעמארקעטערס צו געבן אינפארמאציע אין די ערשטע 30 סעקונדעס פונעם טעלעפאון רוף***

***לעגיסלאציע S.509B/A.28C פארלאנגט רעסטעראנטן צו ארויפשטעלן ריינקייט אינספעקציע רעזולטאטן אנליין***

***לעגיסלאציע S.8880A/A.1010B פארבאט די פארדעקונג פון דראג אינפארמאציע פאר OTC פראדוקטן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אונטערגעשריבן א פעקל געזעצן געאייגענט צו באשוצן קאנסיומערס און זיי שפארן געלט. לעגיסלאציע S.932D/A.4667B פארלאנגט פון העלט-קלאבס צו אנעמען אן אפשטעל פון א מעמבערשיפ ביז 10 ביזנעס טעג פון ווען זיי ווערן געמאלדן איבער די אפשטעל. לעגיסלאציע S.4778/A.7167 פארבאט דאס ארויפשטעלן פון געוויסע קאסטן ביים סוף פון א טערמין אויף א מאטאר וויהעקעל ליעס וועלכע וואס איז צאמגעשטעלט פון אדמיניסטראטיווע, באאמטע אדער הענדלינג קאסטן. לעגיסלאציע S.8182B/A.7939B פארלאנגט פון טעלעמארקעטערס צו צושטעלן געוויסע אינפארמאציע אין די ערשטע 30 סעקונדעס פונעם טעלעפאון רוף און צו ארויסגעבן געוויסע אדרעסען אין געשריבענע פארבינדונגען צו קאסטומערס. לעגיסלאציע S.509B/A.28C פארלאנגט אז רעסטעראנטען וועלכע שטעלן צו אנליין דעליווערי סערוויסעס זאלן ארויפשטעלן אויף זייער וועבזייטל אדער מאביל אפליקעישען א הייפערלינק צו קענען זעהן די לעצטיגע ריינקייט אינספעקציע רעזולטאטן, אויף זייער וועבזייטל. לעגיסלאציע S.8880A/A.1010B פארבאט דאס פארדעקן פון לעיבעלס אויף איבער-די-קאונטער מעדעצינען.

"אין א צייט וואס ניו יארקער גייען אריבער די גאר שווערע עפעקטן פון שטייגענדע פרייזן, איז עס וויכטיג אז איך טוה אלעס וואס איך קען צו צוריקלייגן מער געלט אין זייערע טאשן," **האט געזאגט גאווערנער Hochul (האקול).** "מיטן אונטערשרייבן די לעגיסלאטיווע ביל פעקל, זעצן מיר ווייטער פאר מיטן מאכן פארשריט צו מאכן ניו יארק מער עפארדעבל."

**לעגיסלאציע S.932D/A.4667B** פארלאנגט פון העלט-קלאבס צו אנעמען אן אפשטעל פון א מעמבערשיפ ביז 10 ביזנעס טעג פון ווען זיי ווערן געמאלדן איבער די אפשטעל.

**סטעיט סענאטאר Roxanne J. Persaud (ראקסען דשעי. פערסאוד) האט געזאגט,** "העלט-קלאב מעמבערשיפס דארפן צו זיין א בענעפיט פאר קאנסיומערס, נישט קיין עול. דער ביל פארזיכערט אז מיר געבן די כח פאר ניו יארקער צו מאכן די בעסטע באשלוסן פאר זייער געזונט און וואוילזיין אן זיין ארייגעשפארט אין קאנטראקן וועלכע שטעלן שוין מער נישט צו וואס זיי דארפן. מיטן פארברייטערן די מעגליכקייטן אפצוהאקן מעמבערשיפ און דורך מאכן די פראצעדור גרינגער, טוען מיר שטוצן קאנסיומערס און מאכן זיכער אז זיי קענען מאכן די באשלוסן וועלכע זענען פאסיג פאר זייער לעבן. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר'ן אונטערשרייבן די לעגיסלאציע."

**אסעמבלי מיטגליד Jeffrey Dinowitz (דשעפערי דינאוויץ) האט געזאגט,** "דאס אריינ'חתמ'ענען אין געזעץ פון מיין ביל A.4667B דורך גאווערנאר Hochul (האקול) באצייכנט א גאר גרויסע טריט פאראויס אין מאדערנעזירן העלט-קלאב קאנטראקן איינפירונגען אין ניו יארק. מיטן פארברייטערן אפהאק מיטלען צו אריינעמען אינטערנעט אפציעס און מיטן פארקורצערן די צוריקצאלן צייטן פאר די העלט-קלאב צו צוריקצאלן קאסטומערס, טוען מיר צושטעלן פאר קאנסיומערס די געצייג וואס זיי דארפן צו פארמיידן אומ-אויספעלענדע געלט שוועריגקייטן. די לעגיסלאציע אדרעסירט יושר'דיג'קייט, אקסעסעביליטי, און ברענגט אריין די אפהאקן מעגליכקייטן צו די איין און צוואנציגסטן יאר-הונדערט. איך בין שטאלץ צו זעהן ניו יארק פירן דעם וועג אין קאנסיומער באשוצונג."

**לעגיסלאציע S.4778/A.7167** פארבאט דאס ארויפלייגן פון געוויסע קאסטן ביים סוף פון א טערמין אויף א מאטאטער וויהעקעל ליעס וועלכע איז צאמגעשטעלט פון אדמיניסטראטיווע, באאמטע אדער ענדלינג קאסטן.

**סטעיט סענאטאר James Sanders Jr. (דשעימס סענדערס דשוניאר) האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר אז גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט לעצטנס אריינגע'חתמ'עט אין געזעץ צוויי בילס פון וועלכע איך בין געוועהן די הויפט ספאנסער. די ערשטע ביל ( S.8880-A/SANDERS Same as A.1010-B/Weprin) שטופט פאראויס און באשוצט די געזונט און זיכערהייט פון קאנסיומערס דורך פארבאטן דאס פארדעקן פון לעיבעלס אויף איבער-די-קאונטער מעדעצינען אדער קאסמעטיקס. דורכזיכטיגקייט איז גאר וויכטיג אינעם וועלט פון האנדלען, און נאך מער ווען עס האט צו טון מיט געזונטהייט און זיכערהייט. די צווייטע ביל (S.4778/SANDERS זעלבע ווי A.7167/Solages) פארבאט צו בעטן א טורן-אין פרייז ביים אויס-לויף פון א וויהעקל ליעס טערמין, וואס איז נאר צאמגעשטעלט פון אדמיניסטראטיווע, ענדלינג אדער באאמטע קאסטן. ביידע פון די געזעצן זענען שכל'דיגע באשוצונגען פאר די קאנסיומער."

**אסעמבלי מיטגליד Michaelle C. Solages (מישאיל סי. סאלעגעס) האט געזאגט,** "די נייע געזעץ וואס פארבאט קאסטן וואס פעלן נישט אויס פאר ליעס'ד קארן איז א גאר גרויסע שריט אין אדרעסירן די עפארדעביליטי קריזיס מיט וועלכע שווער-ארבעטענדע ניו יארקער מוטשענען זיך. וויהעקעל קאסטן זענען איינער פון די גרעסטע פינאנציעלע דאגות פאר פאמיליעס, און אומ'שכל'דיגע קאסטן האבן נאר פארשווערט צו זיך אן עצה צו געבן מיט די קאסטן. די לעגיסלאציע פארזיכערט דורכזיכטיגקייט אין ליעסינג איינפירונגען. עס לייגט צוריק מער געלט אין מענטשן'ס טאשן. איך וויל דאנקען סענאטאר Sanders (סענדערס) און גאווערנער Hochul (האקול) פאר זייערע פארפליכטיגונג צו קאנסיומער באשוצונג."

**לעגיסלאציע S.8182B/A.7939B** פארלאנגט פון טעלעמארקעטערס צו צושטעלן געוויסע אינפארמאציע אין די ערשטע 30 סעקונדעס פון א טעלעפאון רוף און צו ארויסגעבן געוויסע אדרעסען אין געשריבענע פארבינדונגען צו קאסטומערס.

**סטעיט סענאטאר Brad Hoylman-Sigal (ברעד האולמען-סיגעל) האר געזאגט,** "קיינער האט נישט ליב צו ווערן אריינגענארט מיט טעלעפאון רופן פון טעלעמארקעטערס, און נאך מער ווען זיי פרובירן צו באהאלטן ווער זיי זענען באמת. איך בין דאנקבאר אז גאווערנאר Hochul (האקול) איז איינשטומיג און האט אריינגע'חתמ'עט אין געזעץ די ביל וואס אסעמבלי מיטגליד Cunningham (קאנינינגעם) און איך האבן אדורכגעפירט צו העלפן צושטעלן אביסל פון די שטארק אויסגעפעלטע רעגולאציעס פאר די אומ-אויפהערליכע טעלעמארקעטינג רופן וואס מיר אלע באקומען. מיר רופן אן אונזערע ביל די "סיינפעלד ביל", נאכן באוואוסטע סצענע וואו דשערי געבט אריין פארן טעלעמארקעטער וואס שטערט אים אינדערהיים, וויבאלד עס פארלאנגט אז טעלעמארקעטערס זאלן צושטעלן די נאמען, פאסט אדרעס, און טעלעפאון נומער פון דעם וועלכע זיי רופן אין נאמען פון, אין די ערשטע 30 סעקונדעס פון זייער טעלעפאון רוף. עס פארלאנגט אויך פון זיי צו ארויסגעבן די אינפארמאציע אנליין. אזויווי דשערי זאגט, פארוואס זאלן זיי האבן אונזערע אינפארמאציע אויב מיר קענען נישט האבן זייערע?"

**אסעמבלי מיטגליד Brian Cunningham (ברייען קאנינגעם) האט געזאגט,** "טעלעמארקעטינג סקעמס האבן א שרעקליכע גייסטישע און פינאנציעלע השפעה אויף איינזאמע עלטערע מענטשן, יונגע מענטשן וואס זוכן פאר דשאבס און האוזינג, נידריגע אינקאם פאמיליעס וואס זוכן פטור צו ווערן פון חובות, און מענטשן וואס מוטשענען זיך מיט פערזענליכע קריזיסער, ווי צוםביישפיל געזונטהייט שרעקן אדער אומפאראויסגעזענע עמערדשענסי אויסגאבן. די רייע פון בילס וואס גאווערנאר Hochul (האקול) האט היינט אריינגע'חתמ'עט אין געזעץ טוט שטעלן פון אויבן-אן די באשוצונג פון ניו יארק'ס מערסט הייקעלע באפעלקערונג, ספעציעל די וואס גייען אריבער פינאנציעלע שוועריגקייט צוליב די וואקסענדע קאסטן פון עסן, האוזינג, און טאג-טעגליכע אויסגאבן."

**לעגיסלאציע S.509B/A.28C** פארלאנגט אז רעסטעראנטען וועלכע שטעלן צו אנליין דעליווערי סערוויסעס זאלן ארויפשטעלן אויף זייער וועבזייטל אדער מאוביל אפליקעישען א הייפערלינק צו קענען זעהן די לעצטיגע ריינקייט אינספעקציע רעזולטאטן, אויף זייער וועבזייטל.

**סטעיט סענאטאר Kevin Thomas (קעווין טאמעס) האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר'ן אריינ'חתמ'ענען די לעגיסלאציע אין געזעץ צו פארלאנגען פון אנליין דעליווערי סערוויסעס צו ארויסשטעלן ריינקייט איספעקציע רעזולטאטן. אלס טייל פון אונזערע אנגייענדע באמיאויגען צו באשוצן קאנסיומערס, וועט דאס פארזיכערן גרינגע צוטריט צו וויכטיגע אינפארמאציע וועגן די ריינקייט און זיכערהייט פון די רעסטעראנטן וואס זיי וועלן אויס צו באשטעלן פון, און צו מאכן אינפארמירטע באשלוסן וועגן זייער געזונטהייט און זיכערהייט ווען זיי באשטעלן עסן אנליין."

**אסעמבלי מיטגליד Linda B. Rosenthal (לינדע בי. ראזענטאל) האט געזאגט,** "רעסטערארנט ריינקייט צייכענונגען דארפן נישט צו זיין קיין סוד. עס קומט זיך פאר ניו יארקער, צו זיי באשטעלן טעיק-אויט אדער עסן דינער אין א רעסטעראנט, צו וויסן אויב זייער באליבטע פלאץ איז געפלאגט דורך געזונטהייט פארלעצונגען. אבער, מענטשן וועלכע ניצן דעליווערי עפפס באקומען נישט די קריטיש אינפארמאציע, לאזענדיג זיי זיין אויסגעשטעלט צו אומריינע קיכן. מיט צופרידענהייט, טוט די סארט איינפירונג זיך היינט ענדיגן - מיין לעגיסלאציע וואס פארלאנגט פון דעליווערי עפפס צו ארויפשטעלן לינקס צו זייער ריינקייט צייכענונגען אויף זייער וועבזייטל וועט שוטצן קאנסיומערס, פארמערן דורכזיכטיגקייט, און פארמינערן עסן-אנגעברענגטע קרענק. איך טו אפלאדירן די גאווערנאר פאר איר פארפליכטיגונג צו דער נושא, און קוק ארויס צו ווייטער פארשטערקערן די רעכטן פון קאנסיומערס אין דער סעסיע."

**לעגיסלאציע S.8880A/A.1010B** פארבאט דאס צודעקן פון לעיבעלס אויף איבער-די-קאונטער מעדעצינען.

**סטעיט סענאטאר James Sanders Jr. (דשעימס סענדערס דשוניאר) האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר אז גאווערנאר Kathy Hochul (האקול) האט לעצטנס ארייננגע'חתמ'עט אין געזעץ צוויי בילס פון וועלכע איך בין געווען די הויפט ספאנסער. די ערשטע ביל (S.8880-A/SANDERS זעלבע ווי A.1010-B/Weprin) שטופט פאראויס און באשוצט די געזונט און זיכערהייט פון קאנסיומערס דורך פארבאטן דאס פארדעקן פון לעיבעלס אויף איבער-די-קאונטער מעדעצינען אדער קאסמעטיקס. דורכזיכטיגקייט איז גאר וויכטיג אינעם וועלט פון האנדלען, און נאך מער ווען עס האט צו טון מיט געזונטהייט און זיכערהייט. די צווייטע ביל (S.4778/SANDERS זעלבע ווי A.7167/Solages) פארבאט צו בעטן א טורן-אין פרייזביים אויס-לויף פון א וויהעקל ליעס טערמין, וואס איז נאר צאמגעשטעלט פון אדמיניסטראטיוויע, הענדלינג אדער באאמטע קאסטן.ביידע פון די געזעצן זענען שכל'דיגע באשוצונגען פאר די קאנסיומער."

**אסעמבלי מיטגליד David I. Weprin (דעיוויד איי. וועפרין) האט געזאגט,** "דער לעגיסלאציע איז א וויכטיגע מיטל צו באשוצן די געזונטהייט און זיכערהייט פון קאנסיומערס. דאס פארדעקן פון לעיבעלס און פעקעדשינג פון איבער-די-קאונטער מעדעצינען און קאסמעטיקס קען האבן גאר ערנסטע געזונטהייט און זיכערהייט תוצאות. אלס די ספאנסער פון דער לעגיסלאציע, בין איך שטאלץ צו זעהן ווי עס ווערט ארייננגע'חתמ'עט אין געזעץ, און וויל באדאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר אומבויגזאמע פארפליכטיגונג צו באשוצן די געזונטהייט און זיכערהייט פון ניו יארקער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן